בעזרת השם יתברך

# פרק מא-מב

## • כי תשא •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

בשעת מען זאָגט קדושה דאַרף מען אויפהויבן די אויגן צום הימל. - מען דאַרף זאָגן די ברכות געלאַסן און רואיג. - דער סוד פון וואָרט "חזן". - דער עונש פון מפסיק זיין ביים דאַווענען וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין. - מען דאַרף לערנען בעיון, נישט שנעל אָדער כדי זיך צו באַרימען דערמיט. - אַ מעשה פון זוהר ווי אַזוי די תנאים האָבן געלערנט פון יעדן מענטש, אַפילו פון אַ קינד.

אַ רמז אין זוהר אויף דעם פסוק ובת כהן וגו'. - ווען דער מענטש זינדיגט ח"ו, שרייט די נשמה צו דעם אויבערשטן, ווייל זי ווערט פאַרטריבן פון איר אָרט. - אַ בת קול גייט אַרויס יעדן טאָג פון הימל, און רופט אויס צו די מענטשן אַז זיי זאָלן נישט זינדיגן. - דער מענטש זאָל זיך יעדן טאָג באַרעכענען וויפיל ער האָט נאָך צום לעבן. - ער זאָל פאַר זיך פאַרצייכענען די זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה.

# אינהאלט
## פון פרקים מ״א - מ״ב

**א.** אין פרק מ״א ווערט ערקלערט, אַז מען דאַרף אויפהויבן די אויגן ווען מען זאָגט קדושה. - מען דאַרף מדקדק זיין אין יעדן וואָרט ביים דאַווענען נישט איינצושלינגען די ווערטער. - מוסר רייד צו די חזנים אַז זיי זאָלן דאַוונען מיט כוונה. - דער סוד פון וואָרט ״חזן״. - די האַרבקייט פון מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען דאָרט וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין. -אַ מעשה פון זוהר הקדוש, ווי הייליגע תנאים האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין קינד.............ה

**ב.** דער אויבערשטער איז נאָענט צו די מענטשן וואָס רופן אים אמת׳דיק.............ה

**ג.** דער מענטש דאַרף זיך יעדן טאָג מתבונן זיין אין די הייליגקייט פון דעם אויבערשטן.............ו

**ד.** אהבה און יראה גייען צוזאַמען.............ז

**ה.** ווי שטאַרק מען דאַרף זיין געוואָרנט מכוון צו זיין בשעת מ׳מאַכט אַ ברכה אויף אַ מאכל.............ז

**ו.** די חזנים דאַרפן מכוון זיין לשם שמים, און נישט פאַר זייער הויך קול.............ח

**ז.** דער סוד פון וואָרט ״חזן״.............ח

**ח.** דריי הונדערט קעמלען פון פורעניות - פאַר דעם וואָס איז מפסיק צווישן ״ברוך שאמר״ און ״ישתבח״.............ט

**ט.** מיט ווערטער פון ליצנות אינמיטן דאַווענען, מישט מען אויס די קליפה להבדיל מיט די קדושה.............י

**י.** מען דאַרף הערן תורה אַפילו פון קליינע קינדער ........................ י

**יא.** אין פרק מ"ב ווערט ערקלערט אַז אויב אַ מענטש זינדיקט ח"ו, שרייט זיין נשמה צו דעם אויבערשטן ווענן איר צער, און דער אויבערשטער הערט אויס איר געשריי און ציט אַרויס די נשמה פון דעם גוף. - יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול אַז דער מענטש זאָל נישט אַרויסשטופן די נשמה פון זיין גוף. -מען דאַרף אייביג תשובה טוהן, ווייל אַ מענטש ווייסט נישט ווען ער וועט שטאַרבן. - מען זאָל פאַר זיך פאַרצייכענען די זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה. ........................ יג

**יב.** אַ רמז אויף די נשמה אין פסוק "ובת כהן" וגו' ........................ יג

**יג.** ווען אַ מענטש טוט אַן עבירה, שרייט זיין נשמה צו דעם אויבערשטן ........................ יג

**יד.** צו די צדיקים זאָגט דער אויבערשטער "האָט הנאה פון מיין הייליקייט" ........................ טו

**טו.** יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול פון הימל און רופט אויס צו דעם מענטש: "שטופ נישט אַרויס די נשמה פון דיין גוף" ........................ טו

**טז.** יעדן טאָג דאַרף דער מענטש טראַכטן ווענן זיין סוף ........................ טז

**יז.** מען דאַרף פאַר זיך פאַרצייכענען די 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן ........................ טז

# פרק מ״א

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז מען דאַרף אויפהויבן די אויגן ווען מען זאָגט קדושה. - מען דאַרף מדקדק זיין אין יעדן וואָרט ביים דאַווענען נישט איינצושלינגען די ווערטער. - מוסר רייד צו די חזנים אַז זיי זאָלן דאַווענען מיט כוונה. - דער סוד פון וואָרט ״חזן״. - די האַרבקייט פון מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען דאָרט וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין. -אַ מעשה פון זוהר הקדוש, ווי הייליגע תנאים האָבן געהערט דברי תורה אפילו פון אַ קליין קינד.**

**א. איתא בספר,** עס שטייט אין ספר היכלות זיין לשון: דער פסוק זאָגט (תהלים קיז) ״בְּרוּכִים אַתֶּם לַה׳״, איז די כוונה: דער אויבערשטער זאָגט צו די מלאכים, צום הימל און ערד, איר וועט זיין געלויבט צו מיר אויב איר וועט זאָגן צו מיינע קינדער וואָס איך טוה צו מיין פאָלק אידן ווען זיי זאָגן קדושה, זאָלט איר זיי לערנען זיי זאָלן אויפהייבן זייערע אויגן צום הימל בשעת קדושה און זאָגן מיט כוונה, ווייל איך האָב נישט קיין אַנדערע הנאה ווי די מינוט ווען זיינע אויגן זענען אויפגעהויבן צו מיר און איך צו זיי בשעת זיי זאָגן קדושה, און די פאַרע וואָס גייט אַרויס פון זייער מויל איז ביי מיר חשוב ווי דער פאַרגעניגונס ריח פון קרבנות, און אין יענער צייט (ווען די אידן זאָגן קדושה) קוש איך און איך האַלדז דאָס געשטאַלט פון יעקב וואָס איז אויסגעקריצט אין כסא הכבוד, ביז דאָ פון ספר היכלות.

### דער אויבערשטער איז נאָענט צו מענטשן וואָס רופן אים אמת׳דיג

**ב. וראה,** און זעה ווי די אידן זענען באַליבט פאר דעם אויבערשטן ברוך הוא. און ווי זאָלן מיר אים נישט דינען מיטן גאַנצן האַרץ און נפש דעם אויבערשטן ברוך הוא, וואָס ער איז ווייט פון די

רשעים און נאָענט צו די צדיקים. אויך צו די וואָס רופן אים מיט אַן אמת, און יעדער מענטש וואָס האָט מורא פון אויבערשטן, און פאַרכט זיך פאַרן אויבערשטען׳ס רייד, זאָל מקיים זיין דאָס וואָס איך וועל ווייטער שרייבן, כדי דורכדעם זאָל ער קומען צו דינען דעם אויבערשטן מיט ליבשאַפט, און ער וועט זוכה זיין צו עולם הבא.

## דער מענטש זאָל זיך מתבונן זיין יעדן טאָג אין די הייליגקייט פון אויבערשטן

**ג. והוא שיקח,** און דער מענטש זאָל יעדן טאָג נעמען און באַשטימען צייט צו טראַכטן וועגן די הייליגקייט פון באַשעפער יתברך שמו, וואָס ער איז זייער גרויס און האָט פילע צענדליקער טויזנטער און טויזנטער טויזנטער כיתות מיט מלאכים וואָס זאָגן פאַר אים שירה, אַזוי ווי עס שטייט אין מחזור (מוסף ליום כיפור) ״וקדושתך בפיהם״, און דיין הייליגקייט זאָגן זיי מיט זייער מויל, ״ואביתה תהילה״, און דו האָסט געגלוסט די ליב פון דעם מענטש וואָס איז אַ בשר ודם, און פון פאַרדאַרט גראָז און פון אַ שאָטן וואָס גייט אַוועק און זיי שטאַרבן דורך משפט און ווערן ווידער לעבעדיג דורך דעם אויבערשטן׳ס רחמנות און דיין ליב איז אין זייער מויל, און דורך דער דאָזיגער מחשבה וועט פלאַמען דאָס האַרץ פון דעם מענטש צום אויבערשטן׳ס דינסט.

**ד. כמבואר בזוהר,** אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת ויקהל (דף קצ״ח עמוד ב׳) אַז ווען אַ מענטש טראַכט וועגן אויבערשטנ׳ס דינסט גייט די מחשבה פריער אין האַרץ פונעם מענטש, וואָס דאָס האַרץ איז דער באַשטאַנד און דער יסוד פון דעם גוף, און דערנאָך גייט די גוטע מחשבה דורך די איברים פון דעם גוף, און דעמאָלס באַהעפטן זיך אינאיינעם די מחשבה און די גלידער פון דעם גוף, און זיי ציִען אויף זיך דאָס לויטערקייט פון דער נשמה, און דער מענטש האָט אַ חלק אין עולם הבא.

## אהבה און יראה גייען צוזאַמען

**ה. וצריך,** און דער מענטש דארף זיך באַהעפטן אין דעם אויבערשטן׳ס פאָרכט, ווייל אהבה און יראה גייען צוזאַמען, ווי עס שטייט אין ספר ראשית חכמה (שער היראה ושער האהבה), און אין ספר חרדים (מצות התשובה, פרק ו׳) אויף דעם פסוק (דברים כח, נח) ״לְיִרְאָה אֶת הַשֵּׁם הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא וּלְאַהֲבָה אוֹתוֹ״, דאָס מיינט, ווען דער מענטש דערמאנט דעם אויבערשטן׳ס נאָמען, זאָל זיין גאַנצער גוף ציטערן, און ווען ער מאַכט אַ ברכה, זאָל ער עס זאָגן פּאַמעלעך און אַ קלאָרע שפּראַך, און זיין גאַנצער גוף זאָל ציטערן, און ער זאָל נישט אַרויסוואַרפן די ברכה פון מויל שנעל.

## ווי ווייט מען דאַרף זיין געוואָרנט מכוון צו זיין ווען מ׳מאַכט אַ ברכה אויף אַ מאכל

**ו. כמו שראיתי,** אַזוי ווי איך האָב געזען דעם המון עם, פשוט׳ע מענטשן וואָס ווערן געשטרויכלט מיט דער זינד, אַז ווען זיי האַלטן אַן עסנוואַרג אָדער אַ געטראַנק אין דער האַנט, וואָס מען דאַרף מאַכן דערויף אַ ברכה, איז אָבער זיין עיקר מחשבה אויף דעם מאַכל און ער גלוסט אַריינצוואַרפן דעם מאכל אין זיין מויל, און די ברכה זאָגט ער זעהר געשווינד אָן כוונה, איז זיין שטראָף זייער גרויס, אַזוי ווי איך האָב געשריבן אין פינפטן פרק, אַ מעשה וואָס שטייט אין ספר חסידים.

## אין דעם ווערן געשטרויכלט רוב מענטשן פון דער וועלט

**ז. ובכלל,** און אין כלל פון דעם עונש איז אויך דער מענטש וואָס זאָגט שנעל די לויב פון פסוקי דזמרה (פון ״ברוך שאמר״ ביז נאָך ״ישתבח״), און שלינגט איין די אותיות און די ווערטער. אין דעם ווערן געשטרויכלט רוב מענטשן פון דער וועלט.

## די חזנים דאַרפן מכוון זיין לשם שמים, און נישטצו געפעלן די מענטשן

**באַזונדערס** דאַרף מען אָנוואָרענען די חזנים, וואָס זיי זענען אין מערסטנטייל מדקדק אויפצוהייבן זייער קול הויך צום ניגון, און זענען בכלל נישט מכוון דאָס דאַוועגען. זייער הויפּט-כוונה איז זיך צו באַרימען מיט זייער קול, און דאָס אָרט (פסוקי דזמרה) וואָס איז דער עיקר פון געזאַנג און לויב צו דעם אויבערשטן, כאפּן זיי און שלינגען איין די ווערטער, און אַזעלכע חזנים האָבן נישט קיין האָפענונג לעתיד לבוא, ווען משיח וועט קומען, ווייל די סופי תיבות פון די ווערטער ״יפרח כארז בלבנון״ (תהלים צב, יג) ״יִפְרָח כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן״ איז ״חזן״, מרמז צו זיין אַז די חזנים וואָס דאַווענען פאַר דעם עמוד מיט די ריכטיגע כוונה, וועלן לעתיד לבוא בליען אַזוי ווי אַ טענענבוים וואָס וואַקסט גרויס אין דעם וואַלד לבנון.

## דער סוד פון וואָרט ״חזן״

**ח. ודע,** און דו זאָלסט וויסן אַז דער סוד פון חז״ן איז כולל אין זיך דריי הייליגע שמות, דעם שם הוי׳, דעם שם אדנ״י און דעם שם שד״י, ווייל דער מילוי פונעם וואָרט ״חזן״ איז חי״ת זי״ן נו״ן, וואָס די ערשטע אותיות פון די ווערטער זענען חז״ן, באַטרעפט די גימטריא פון שם אדנ״י. די מיטלסטע אותיות פון די דריי ווערטער (יי״ו) זענען בגימטריא דעם הוי׳, און די לעצטע אותיות פון די דריי ווערטער (תנ״ן) זענען בגימטריא 500, וואָס איז דאָס באַהאַלטענע (די אותיות פונעם מילוי, אויסער די ראשי תיבות) פון דעם שם שד״י.

**פון דעם** קענסטו זעהן ווי גרויס עס איז דער כוח פון דעם חזן, אַז ער איז כולל אין זיך די דריי הייליגע שמות וואָס זענען דער ריכטיגער יחוד.

**מה שאין כן,** אָבער ווען דער חזן וואָס איז אַ קל, איז נישט מכוון צו דאַוועגען מיט כוונה, מוציא צו זיין דעם ציבור,

איז ער פוגם אין די דאָזיגע דריי הייליגע שמות, און ער איז גלייך ווי איינער וואָס מאַכט אַ מום אין אַ קרבן חס וחלילה, ווייל בזמן הזה ווערט די תפילה פאַררעכנט ווי אַ הייליגער קרבן.

**ט. וזה הסוד,** און דעם דאָזיגן סוד האָב איך געטראָפן בשם די קדמונים אונזערע רבי׳ס זכרונם לברכה, אַז אין פסוק (תהלים קטז, ז) ״שׁוּבִי נַפְשִׁי לִמְנוּחָיְכִי כִּי ה׳ גָּמַל עָלָיְכִי״ וגו׳, איז דאָ אַ גרויסער שם וואָס ווערט אָנגערופן מו״ם, וואָס איז באַקאַנט פאַר די וואָס ווייסן די סודות פון דער תורה, און דער וואָס פאַרפעלט עס, וועט פון אים פעלן רוה אין עולם הבא.

**י. וכן,** אויך איז די ראשי תיבות פון די ווערטער יוצר ״משרתים ואשר משרתיו״ - מו״ם, מרמז צו זיין אַז ער האָט אַ מום, אַ פעלער, אַזוי ווי אַ קרבן וואָס איז געוואָרן אַ בעל מום דורכדעם וואָס מען האָט געהאַט אַ מחשבת פיגול און איז נישט ראוי דערנענטערט צו ווערן אויף דעם מזבח פאַר דעם אויבערשטן. און אַזוי ווי בזמן הזה איז דאָך די תפילה אויף דעם אָרט פון די קרבנות, דעריבער איז יעדער מענטש וואָס שלינגט די ווערטער ביים דאַווענען, אין דעם כלל פון מענטשן וואָס זענען גורם אַ פעלער אין זייער קרבן, און דאָס זעלבע איז די שטראָף פון די מענטשן וואָס זענען מפסיק אינמיטן דאַווענען אין אַן אָרט וואו מען טאָר נישט מפסיק זיין.

## דריי הונדערט קעמלען פורעניות פאַר דעם וואָס רעדט אויס צווישן ״ברוך שאמר״ און ״ישתבח״

**יא. כדאיתא בפסיקתא,** אַזוי ווי עס שטייט אין פסיקתא, עס איז געווען אַ חסיד וואָס אליהו הנביא זכור לטוב האָט אים באַגעגענט, און עס זענען אים נאָכגעגאַנגען דריי הונדערט קעמלען וואָס האָבן געטראָגן פורעניות רחמנא ליצלן.

**האָט דער** חסיד געפרעגט אליהו, פאַר וועמען זענען די דריי הונדערט קעמלען? האָט אליהו געענטפערט, פאַר דעם

מענטש וואָס שמועסט צווישן "ברוך שאמר" און "ישתבח", ווי אויך פון "ישתבח" ביז נאָך שמונה עשרה, ווייל דער מענטש וואָס רעדט אויס און איז מפסיק אינמיטן דאַווענען, איז פוגם דעם כוח פון די אידן וואָס זיי ווילן מאַכן אַ קרוין פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא מיט זייער תפילה.

## ליצנות אינמיטן דאַווענען, מישט אויס די קליפה להבדיל מיט די קדושה

**און אַוודאי** איז גרויס די שטראָף פון דעם וואָס איז מפסיק אינמיטן דאַווענען דורך רעדן רייד פון ליצנות, און ער מישט אויס די קליפות להבדיל מיט דער קדושה. אַזאַ מענטש זעהט אויס ווי איינער וואָס האָט נישט קיין יראת שמים אין זיין האַרץ, און די ליבשאַפט פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא איז נישט איינגעקריצט אין זיין האַרץ, און אַלעס וואָס ער טוט איז נאָר געצוואונגענערהייט. ווי איז צו זיין נפש.

**דאָס זעלבע** ווען אַ מענטש לערנט תורה, דאַרף ער גוט מעיין זיין מיט זיין שכל, און נישט לערנען שנעל אָדער מיט די כוונה זיך צו באַרימען חס ושלום. דער וואָס לערנט כדי זיך צו באַרימען, און האָט נישט אינזינען צו פאַרשטיין גוט וואָס ער לערנט, איז זיין שטראָף אַ גרויסע.

## תורה דאַרף מען הערן אַפילו פון קליינע קינדער

**יא. גם צריך,** אויך דאַרף דער מענטש מקבל זיין תורה פון יעדן מענטש, אפילו פון קליינע קינדער, אַזוי ווי מיר געפינען פיל מאָל אין זוהר, און בעיקר אין פרשת ויחי (דף רל"ח עמוד ב' - דף ר"מ עמוד א') די מעשה פון רבי יוסי, רבי חייא און רבי יצחק וואס זענען געגאַנגען אין וועג.

**אַזוי גייענדיג אין וועג,** האָבן זיי געטראָפן אַ קינד, און דאָס קינד

איז געווען מיד. האָט דאָס קינד געזאָגט צו זיי, גיט מיר ברויט, ווייל איך האָב נישט געגעסן אין היינטיגן טאָג. האָבן זיי אַרויסגענומען ברויט און עס אים געגעבן, איז געשעהן אַ נס, אַז זיי האָבן געפונען אַ קוואַל וואַסער אונטער אַ בוים און זיי האָבן געטרונקען דערפון.

**יב. פתח האי ינוקא,** האָט דאָס קינד אָנגעהויבן זאָגן דעם פסוק (ויקרא א, א) ״ויקרא אל משה״, פאַרוואָס שטייט אין פסוק ״ויקרא אל משה״ מיט אַ קליינע אל״ף? דאָס איז דערפאַר ווייל די רופונג וואָס דער אויבערשטער ברוך הוא האָט גערופן צו משה רבינו איז געווען אין חוץ לארץ, אין מדבר, און נישט אין הייליגן לאַנד, ארץ ישראל.

**האָט רבי** יהודה געזאָגט, עס וואָלט בעסער געווען פאַר דעם קינד ווען ער זאָל נישט וויסן אַזוי פיל סודות, ווייל איך האָב מורא פאַר אים אַז ער וועט ח״ו נישט האָבן קיין קיום אויף דער וועלט.

**האָט רבי חייא** געזאָגט צו רבי יהודה, פאַרוואָס זאָל ער ח״ו נישט האָבן אַ קיום? האָט רבי יהודה געענטפערט, ווייל ער קען קוקן אויף אַן אָרט וואָס מיר האָבן נישט קיין רשות צו קוקן דערויף. דעריבער האָב איך מורא אַז ער זאָל נישט געשטראָפט ווערן און ח״ו שטאַרבן פאַר זיין צייט.

**דאָס קינד** האָט געהערט ווי זיי שמועסן, האָט ער געזאָגט, איך האָב קיין מורא נישט, ווייל בשעת מיין פאָטער איז געשטאָרבן האָט ער פאַר מיר מתפלל געווען און איך ווייס אַז דער זכות פון מיין פאָטער וועט מיך באַשיצן.

**האָבן זיי אים געפרעגט,** ווער איז געווען דיין פאָטער? האָט דאָס קינד געענטפערט, איך בין דער זוהן פון רב המנונא סבא. האָבן זיי אים גענומען און אים געקושט, און זיי האָבן אים געטראָגן אויף זייערע אַקסל דריי מייל.

**יג. הרי לך,** נו, קענסטו זעהן ווי שטאַרק זיי האָבן ליב געהאַט דעם אויבערשטן און די תורה, אַז כאָטש זיי זענען געווען גרויסע תנאים האָבן זיי פאָרט געהערט תורה פון קליינע קינדער, און האָבן ערלעך געהאַלטן די קינדער וואָס האָבן געקענט לערנען, וואויל איז צו זיי אויף יענער וועלט.

❖ ❖ ❖

# פרק מ"ב

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: ווען אַ מענטש זינדיקט, שרייט זיין נשמה צום אויבערשטן וועגן איר צער, און דער אויבערשטער הערט איר געשריי און ציט אַרויס די נשמה פון גוף.**

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק (ויקרא כב, יב-יג) "וּבַת כֹּהֵן כִּי תִהְיֶה אַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה וְזֶרַע אֵין לָהּ וְשָׁבָה אֶל בֵּית אָבִיהָ כִּנְעוּרֶיהָ וגו' בִּתְרוּמַת הַקֳּדָשִׁים לֹא תֹאכֵל" וגו'. ווען אַ טאָכטער פון אַ כהן האָט חתונה צו אַ ישראל, טאָר זי קיין תרומה נישט עסן, אָבער אויב איר מאַן האָט זי געג'ט, אָדער ער איז געשטאָרבן און זי האָט פון אים נישט געהאַט קיין קינדער, קען זי זיך אומקערן צו איר פאָטער'ס הויז, אָבער קיין קדשים טאָר זי נישט עסן.

## די נשמה ווערט אָנגערופן "בת כהן" וגו'

**דער דאָזיקער** פסוק ווערט גע'דרש'ענט אין זוהר (חלק ב', דף צ"ה עמוד ב', ובחלק ג', דף ז' עמוד א') אַז עס איז מרמז אויף דער נשמה, וואָס זי ווערט אָנגערופן "בת כהן", אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן אַריינצוגיין אין גוף צו פאַרריכטן און זיך אויסצירן מיט גוטע מעשים.

## ווען אַ מענטש טוט אַן עבירה, שרייט זיין נשמה צום אויבערשטן

**ב. וכשהאדם עושה,** און אויב דער מענטש טוט אַן עבירה און איז פוגם אין זיין נשמה, שרייט דעמאָלטס די נשמה צום אויבערשטן, און זי זאָגט (איכה א, יד) "נְתָנַנִי ה' בִּידֵי לֹא אוּכַל קוּם", דער אויבערשטער האָט מיך געגעבן אין אַזעלכע הענט וואָס איך קען נישט אויפשטיין, און דער אויבערשטער הערט איר

געשריי און זאָגט צו איר: ״נשמה, מיין ליבע טאָכטער, דו ביזט אויפגעוואַקסן אין דער ליכט וואָס איז אונטער מיין כסא הכבוד און דו ביזט אָנגערופן געוואָרן ״מיין באַליבטע טאָכטער״, און איך האָב דיך געמאַכט נידערן אינעם גוף פון דעם מענטש כדי דו זאָלסט אַרויפגיין נאָך העכער דורך די גוטע מעשים פון דעם מענטש, אָבער איצט אַז דער מענטש האָט געזינדיגט, איז דאָס פאַר דיר אַ ירידה, ווייל דו האָסט אַראפּגענידערט פון אַ הויכן דאַך צו אַ טיפן גרוב, דאָס מיינט מען פון הימל צום גוף פון אַ מענטש״.

**דעריבער** ווערט די נשמה איצט אָנגערופן ״גרושה״, ווייל די נשמה איז פאַרטריבן געוואָרן פון איר אָרט, און דער אויבערשטער ברוך הוא הערט איר געשריי און ער נעמט אַרויס די נשמה פון דעם גוף און ער לייטערט איר דורך יסורים ח״ו. נאָכדעם וואָס די יסורים לאָזן זיך אויס, ווערט זי געלייטערט און זי האָט הנאה פון דעם תענוג פון איר פאָטער אין הימל.

## פון יעדע מצוה וואָס אַ מענטש איז מקיים, ווערט באַשאַפן אַ מלאך

**ג. וזהו שאמר,** און דאָס מיינט דער פסוק צו זאָגן, ״ובת כהן״, דאָס איז די נשמה וואָס זי ווערט אָנגערופן ״בת כהן״.

״כי תהיה אלמנה וגרושה״, אַז דער מענטש איז געשטאָרבן און די נשמה איז פאַרטריבן געוואָרן פון דעם גוף. ״וזרע אין לה״, דאָס מיינט מען, זי האָט נישט קיין שום פירות, דאָס זענען די מצוות און מעשים טובים, דעריבער האָט זי נישט מוליד געווען קיין שום הייליקע מלאכים, ווייל פון יעדע מצוה וואָס אַ מענטש איז מקיים, ווערט באַשאַפן אַ מלאך.

## דער אויבערשטער זאָגט צו די צדיקים ״האָט הנאה פון מיין הייליקייט״

״וְשָׁבָה אֶל בֵּית אָבִיהָ״, זאָל זי באַלד זיך אומקערן צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, נאָכדעם וואָס זי ווערט אויסגעלייטערט, אָבער ״בְּתְרוּמַת הַקֳּדָשִׁים לֹא תֹאכֵל״, קיין קדשים זאָל זי נישט עסן, אַזוי ווי זי האָט געגעסן פריער איידער זי איז אַריינגעקומען אינעם גוף, ווייל זי איז געוואָרן פרעמד אַז זי האָט נישט קיין מעשים טובים, און עס שטייט דאָך אין פסוק ״וְכָל זָר לֹא יֹאכַל קוֹדֶשׁ״, און יעדער פרעמדער מענטש זאָל נישט עסן קדשים, נאָר די צדיקים און די חסידים, אויף זיי שטייט אין פסוק (שיר השירים ה, א) ״אִכְלוּ רֵעִים שְׁתוּ וְשִׁכְרוּ דוֹדִים״. דאָס איז דער טייטש, דער אויבערשטער זאָגט צו די צדיקים, עסט און טרינקט, דאָס מיינט מען, האָט הנאה פון מיין הייליגקייט.

## יעדן טאָג גייט אַרויס אַ בת קול פון הימל און רופט אויס: ״שטופּ נישט אַרויס די נשמה פון דיין גוף״

**ועל אזהרה,** און אויף די דאָזיגע וואָרענונג נישט אַוועקצושטופּן די הייליקע נשמה, גייט אַרויס יעדן טאָג אַ בת קול פון אויבן, וואָס צעברעכט די בערג און רופט אויס, ״ווער זענען דאָס די מענטשן וואָס האָבן אויגן צו זעהן אָבער זעהען נישט. זייערע אויערן זענען פאַרשטאָפּט, זייערע אויגן זעהען נישט און הערן נישט, און פאַרשטייען נישט. דאָס זענען די מענטשן וואָס שטופּן אַוועק די הייליקע נשמה פון איר אָרט, אַז מען זאָל איר נישט פאַרשרייבן אין דעם ספר פון די לעבעדיקע״.

**אויף זיי** זאָגט דער פסוק (תהלים סט, כט) ״יִמָּחוּ מִסֵּפֶר חַיִּים וְעִם צַדִּיקִים אַל יִכָּתֵבוּ״, זיי וועלן אויסגעמעקט ווערן פון דעם ספר פון די לעבעדיגע, און מיט די צדיקים וועלן זיי נישט אַריינגעשריבן ווערן. אָך און וויי איז צו זיי, ווען זיי גייען אַוועק פון דער וועלט, ווערן זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון דעם מלאך וואָס

ווערט געריפן ״דומה״, און זיי ווערן פאַרברענט אין פייער (פונעם גיהנום).

## יעדן טאָג דאַרף דער מענטש טראַכטן וועגן זיין סוף

**ד. על כן,** דעריבער זאָל יעדער וואָס שטאַמט פון אידן און האָט מורא, זאָל ער טראַכטן טאָג טעגלעך וועגן זיין סוף, ווייל ער דערווייטערט זיך פון לעבן און דערנעענטערט זיך צום טויט, און יעדער מענטש זאָל טראַכטן לויט זיינע יאָרן ווי לאַנג ער האָט נאָך צו לעבן, ווייל די טבע פון דעם מענטשן איז צו לעבן נאָר זיבעציג יאָר, און אַפילו אויב ער איז נאָך יונג אין יאָרן, האָט ער נישט קיין גאַראַנטיע וואָס זאָל פאַרזיכערן וויפיל ער וועט נאָך לעבן, ווייל עס איז מעגלעך אַז דער טויט זאָל ח״ו אים פּלוצלונג נאָכיאָגן.

## טוה תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט ווייל דו ווייסט נישט ווען דו וועסט שטאַרבן

**אַ ראיה** דערצו איז פון דער גמרא אין מסכת נדרים (דף ג׳ עמוד ב׳) וואָס זאָגט, ווען איינער זאָגט, איך וועל נישט שטאַרבן ביז איך וועל פריער זיין אַ נזיר, ווערט ער באַלד אין יענע רגע אַ נזיר, ווייל מיר זאָגן, עס איז מעגלעך אַז ער וועט באַלד שטאַרבן, און וועגן דעם האָבן די חז״ל געזאָגט (שבת דף קנ״ג עמוד א׳) ״שוב יום אחד לפני מיתתך ונמצא כל ימיך בתשובה״, טוה תשובה איין טאָג פאַר דיין טויט ווייל דו ווייסט נישט ווען דו וועסט שטאַרבן, און אַזוי וועט אויסקומען אַז אַלע דיינע טעג וועסטו תשובה טוהן.

## מען דאַרף פאַר זיך פאַרצייכענען די 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן

**ה. ועיקר,** און דער עיקר איז אַז פאַרן מענטש זאָלן זיין פאַרצייכנט די זאַכן וואָס האַלטן אפּ דאָס תשובה טוהן, און יעדער איינער וואָס וועט יעדן טאָג מעיין זיין אין זיי, וועט ער זיך אַוודאי

היטן נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט די עבירות, און אָט וועל איך פאַר דיר אַוועקשטעלן אַ באַזונדערן פּרק מיט 24 זאַכן וואָס זענען מעכב דאָס תשובה טוהן. דער מענטש וואָס וויל היטן זיין נפש, זאָל זיך דערווייטערן פון זיי און דעמאָלטס וועט אים אייביק גוט זיין, אמן.

בעזרת השם יתברך

# פרק מג-מד

## • ויקהל •

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

די 24 זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה. - די וועלכע זאָגן מוסר פאַר אידן, דאַרפן זיין געוואָרענט נישט מעורר צו זיין אַ קיטרוג ח״ו. - דער וואָס לערנט תורה ברבים, זאָל זיך נישט גרויס האַלטן דערמיט. - אַ מעשה פון רבי שמעון בן יוחאי. - די שעדליכקייט פון עסן ביי אַן אכזר, ווייל מען ווערט נאָכגעצויגן נאָך אים.

נאָך וועגן די 24 זאַכן וואָס זענען מעכב די תשובה. - די האַרבע עבירה פון נעמען שוחד פון געלט אָדער פון רייד. - די וויכטיגקייט פון זאָגן שטראָף-רייד צו דעם אייגענעם זוהן. - די עבירה פון באַ׳גזל׳ען דעם ציבור, און פון אָפשיידן זיך פונעם ציבור. - די האַרבקייט נישט עובר צו זיין אָדער נישט מיקל זיין אין די רייד פון די חז״ל. - דער איסור פון זיין אַ מתכבד בקלון חבירו. - אַ מעשה פון זוהר. - לימוד תורה לשמה.

בס"ד

# אוצר של יראת שמים

**ב. כי אם את ה' אלוקיכם תידאו והוא יציל אתכם מיד כל אויביכם (מלכים ב' יז, לט) - העצה היחידה איך להציל את עם ישראל מהפחד הגדול - במצב הנורא שלנו מהמלחמות של כל העולם כולו נגד עם ישראל**

**הגאולה תלוי-ה בנשים צדקניות כמ"ש (סוטה יא:), בזכות נשים צדקניות נגאלו אבותינו ממצרים. וכמו שהיתה גאולה ראשונה גם כן תהיה גאולה אחרונה (קב הישר פ' פ"ב) וכמ"ש אשה יראת ה' היא תתהלל (משלי לא, ל).**

**העצה הוא:** ללמוד ולומר ולהכניס בלבו כל יום פסוקי ועניני יראת שמים, שמצווה לירא את ה' הנכבד והנורא היא אחת מתרי"ג מצוות והיא מצווה תדירית, שבכל עת רגע שיזכור ליראה את ה' מקיים מצוה דאורייתא, (פלא יועץ), ועיקר המצווה הוא לפחד מן העונש, שעי"ז יסור מן הרעה. ועי"ז שאנחנו נכניס בלבנו אהבתו ויראתו יתברך שמו, כמו שאנחנו מתפללים בכל יום, ויחד לבבנו לאהבה וליראה את שמך, עי"ז הקב"ה יתנהג אתנו ג"כ במידה כנגד מידה שלא נצטרך לפחד משום אחד בעולם רק מפני הקב"ה ית"ש. כמו שאמר שלמה המלך החכם (משלי טז ז), "ברצות ה' דרכי איש גם אויביו ישלים אתו" (חובת הלבבות פ"ד). וראה מ"ש באורחות חיים להרא"ש, "לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית, ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ, ועיניו על כל דרכי איש, ובוחן לב וחוקר כליות -- וזה יסוד כל התורה כולה. ובזכות זה נזכה בקרוב ממש ל"שיבנה בית המקדש במהרה בימינו, ותן חלקינו בתורתך, **ושם נעבדך ביראה** כימי עולם וכשנים קדמוניות"

**רעו! אפילו אם יש לך תורה ומעשים טובים, אם אין לך יראת שמים לא שוה כלום ליום הדין. אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:). יא).**

1. את אלוקים אני ירא (בראשית מב, יח).
2. ועתה ישראל מה ה' אלוקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה' אלוקיך (דברים י', יב, קב הישר פרק צ').
3. ליראה את ה' אלוקינו כל הימים לחיותינו כהיום הזה (דברים ו' כד).
4. את ה' אלוקיך תירה אותו תעבוד ובו תדבק (דברים י' כ).
5. מי יתן והיה לבבם זה ליראה אותי כל הימים (דברים ה' כו).
6. יראת ה' היא אוצרו (ישעי' לג, ו, ברכות לג:).
7. ראשית חכמה יראת ה' (תהלים קיא, י').
8. סמר מפחדך בשרי וממשפטיך יראתי (קיט, קכ).
9. סוף דבר הכל נשמע את האלוקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם (קהלת יב, יג).
10. אמר רבא בשעה שמכניסין האדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה, קבעת עיתים לתורה, עסקת בפרי' ורבי', ..צפית לישועה..אפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין, אי לא לא, (שבת לא:).
11. אמר רבי יהודה לא ברא הקב"ה את עולמו אלא בשביל שהבריות יראו מלפניו (שבת לא:).
12. אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד (שבת לא:).

**נא לפרסם הידיעה הזאת בכל העולם כולו, בבתי בתי מדרשים, בישיבות ובבתי ספר לחינוך לבנות ובכל בית ובית. וכל המזכה את הרבים זוכה לבנים צדיקים, וניצל מכל גזירות קשות.**

# אינהאלט
## פון פרקים מ״ג - מ״ד

א. אין פרק מ״ג ווערן אויסגערעכנט 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן. - דער מוכיח זאָל נישט זיין מקטרג אויף אידן, נאָר מעורר רחמים זיין אויף זיי. - מען זאָל זיין געהיטן פון גאווה ווען מען דרש'ענט פאַר אידן. - די גרויסע ענוה פון דעם הייליקן תנא רבי שמעון בן יוחאי. ..... ה

ב. מען דאַרף יעדן מענטש דן זיין לכף זכות ..... ח

ג. דער מענטש וואָס שטאָלצירט מיט אַ מצוה, מישט דערין אַריין די סטרא אחרא רח״ל ..... י

ד. די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס שטערט אַנדערע צו טוהן אַ מצוה ..... טו

ה. אין פרק מ״ד ווערט ערקלערט ווי מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט אַן אָרעמאַנ'ס משכון. - דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן. - דער איסור פון נעמען שוחד. - די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר'ס געלט. - נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהל'ישע געלט. - אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל. - מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון

די חז״ל. - נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין. - די חשיבות פון לימוד התורה ווען עס איז לשמה........................יט

ו. דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן........................יט

ז. דער איסור פון נעמען שוחד........................כ

ח. די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר׳ס געלט........................כ

ט. די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים........................כ

י. נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהלישע געלט........................כ

יא. אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל........................כא

יב. מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון די חז״ל........................כב

יג. נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין........................כב

יד. די חשיבות פון דעם וואָס לערנט תורה לשמה........................כד

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ג

**אין דעם פרק ווערט אויסגערעכנט 24 זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן. - דער מוכיח זאָל נישט מקטרג זיין אויף אידן, נאָר מעורר רחמים זיין אויף זיי. - מען זאָל זיין געהיטן פון גאווה ווען מען דרש׳ענט פאַר אידן. - די גרויסע ענוה פון דעם הייליקן תנא רבי שמעון בן יוחאי.**

**א. אלו הן,** פאָלגנד זענען די זאַכן וואָס האַלטן צוריק דעם מענטש פון תשובה טוהן:

א) לשון הרע און רכילות.

ב) אויב ער איז אַ גרויסער כעסן.

ג) אויב ער טראַכט כסדר שלעכטע מחשבות.

ד) אויב ער באַהעפט זיך צו אַ רשע.

ה) אויב ער איז געוואוינט צו עסן אַ סעודה וואָס איז נישט גענוג פאַר איר בעל הבית, דאָס הייסט, ער עסט ביי׳ אַן אָרימאַן וואָס האָט אַליין ווייניק צו עסן.

ו) אויב ער קוקט אויף פרעמדע ווייבער.

ז) אויב ער צעטיילט זיך מיט אַ גנב אין די גניבה כאָטש אפילו ער אַליין האָט זי נישט גע׳גנב׳עט.

ח) אויב ער זאָגט, איך וועל זינדיגן און דערנאָך וועל איך תשובה טוהן.

ט) אויב ער זאָגט, איך וועל זינדיגן און יום כיפור וועט מכפר זיין אויף מיינע עבירות.

י) אויב ער פאַרשעמט תלמידי חכמים.

יא) אויב ער שעלט אַ סאַך מענטשן.

יב) אויב ער פאַרמיידט אַ סאַך מענטשן אָדער אַפילו איין מענטש פון צו טוהן אַ מצוה.

יג) אויב ער רעדט איבער זיין חבר צו טוהן אַן עבירה אַנשטאָט אַ מצוה.

יד) אויב ער באַנוצט זיך מיט דעם משכון וואָס אַן אָרימאַן האָט ביי אים פאַרזעצט.

טו) אויב ער נעמט שוחד.

טז) אויב ער געפינט אַן אבידה און רופט עס נישט אויס אַז ער האָט עס געפונען, כדי דער מענטש וואָס האָט עס פאַרלוירן, זאָל קומען און אָפּנעמען די אבידה.

יז) אויב זיינע קינדער גייען אין שלעכטן וועג און ער מוסר׳ט זיי נישט דערויף.

יח) אויב ער שיידט זיך אָפּ פון דעם ציבור (דאָס מיינט, ער וויל נישט געבן די ביישטייערונג גלייך מיט זיי, אָדער זיי זענען גוזר תענית און ער וויל נישט פאַסטן).

יט) ווען איינער באַערט זיך אַליין דורך די שאַנדע פון זיין חבר.

כ) אויב ער איז חושד ערליכע מענטשן אין אַן עבירה וואָס זיי האָבן נישט געטוהן.

כא) אויב ער האָט פיינט שטראָף-רייד, דאָס הייסט, ער האָט פיינט ווען מען מוסר׳ט אים.

כב) אויב ער שפּעט פון די ווערטער פון די חכמים.

כג) אויב ער שפּעט אָפּ פון די מצוות.

כד) אויב ער שפּעט פון די מנהגים פון ערלעכע אידן.

**א. הא לך,** אָט האָב איך פאַר דיר דאָ אַראָפּגעשריבן די 24 זאַכן וואָס דער מענטש דאַרף זיין געוואָרנט ער זאָל זיי נישט טוהן.

**ב. וכל אדם,** און יעדער מענטש וואָס האָט מורא פון דעם אויבערשטן, דאַרף פאַר זיך אויפשרייבן די דאָזיקע 24 זאַכן, און פאַרצייכענען מיט אַ גוטן כתב און ער זאָל עס אַריינלייגן אין דעם סידור אין וועלכן ער דאַוונט, כדי ער זאָל עס לייענען צוויי מאָל אין טאָג, ביינאַכט און אינדערפרי, כדי ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין די זאַכן.

**ג. והנה בכלל,** און אין דעם כלל פון די דאָזיקע 24 זאַכן זענען פאַראַן נאָך אַ סאַך אזהרות, אַזוי ווי איך וועל אַ טייל פון זיי ערקלערן מיטן אויבערשטן׳ס הילף.

**ד. בכלל רכילות,** אין דעם כלל פון רכילות איז, אַז איין דיין זאָל נישט זאָגן צו איינעם פון די בעלי דינים וואָס ער איז אַרויסגעקומען שולדיק ביים בית דין, איך האָב דיך געוואָלט מזכה זיין אַז דו זאָלטסט געווינען די דין תורה, נאָר מיינע חברים זענען געווען מער פון מיר, און דעריבער האָבן זיי איבערגעוואויגן מיין מיינונג. דאָס הייסט אויך רכילות.

**ה. גם,** אויך זאָל אַ מענטש פון דער גאַס, אַ פרעמדער וואָס איז נישט געזעסן ביי דעם דין תורה, און מ׳האָט פאַר אים דערציילט ווי אַזוי די דיינים האָבן גע׳פּסק׳ענט, זאָל ער נישט זאָגן אַז די דיינים האָבן שלעכט גע׳פּסק׳ענט, און אַפילו ווען פאַר אים דאַכט זיך אַז זיי האָבן נישט ריכטיק גע׳פּסק׳ענט, זאָל ער דאָס נישט זאָגן, ווייל מסתמא האָט בית דין גע׳פּסק׳ענט ריכטיק, ווייל דער דיין דאַרף פּסק׳ענען לויט ווי זיינע אויגן זעען די זאַך.

**ו. בכלל,** אין דעם כלל פון לשון הרע זענען דאָ אַ סאַך זאַכן וואָס

ווערן ערקלערט אין אַלע מוסר-ספרים.

## מען דאַרף יעדן מענטש דן זיין לכף זכות

**ז. אמנם,** נאָר דעם דאָזיקן כלל נעם דיר פאַר, אַז דו זאָלסט יעדן מענטש דן זיין לכף זכות, אַפילו דיין שונא זאָלסטו אויך דן זיין לכף זכות (און אויב דו וועסט אַזוי טוהן, וועסטו קיינמאָל נישט צוקומען צו רעדן לשון הרע).

**ח. בכלל,** אין דעם כלל פון אַ כעסן איז אַ מענטש וואָס איז אַן אכזר און הערט זיך נישט צו צו דעם געשריי פון די אָרימעלייט, ער האָט אויף זיי נישט קיין רחמנות.

**ט. ואינו דן,** און דער מענטש וואָס איז נישט דן אַנדערע מענטשן לכף זכות, ער איז נישט מלמד זכות אויף זיי, אָדער ער איז אַ נוקם ונוטר, דאָס הייסט ווען עמיצער טוט אים שלעכטס, האַלט ער די שנאה אין זיין האַרץ און ווען ער קען אים אָפּטוהן שלעכטס טוט ער עס.

**י. בעל העזה,** און דער וואָס איז אַן עז פנים, און שעמט זיך נישט פון מענטשן. ער נעמט שטענדיק אַרויס שעלטונגען פון זיין מויל. ער וואַרפט צופיל פאָרכט אין זיין הויז, און ער פירט זיך נישט רואיק מיט מענטשן, נאָר אַלעס מיט אַ כעס.

**יא. בעל מחשבות,** אין דעם כלל פון שלעכטע מחשבות איז, אַז ער גיט פאַר זיין חבר אַן עצה און האָט נישט אין זינען לשם שמים, נאָר ווייל פאַר אים טויג עס אַזוי צו עצה'ן זיין חבר. אָדער ער פאַרשטאַרקט אַ מחלוקת דורך געבן די בעלי מחלוקת געלט, כדי זיי זאָלן זיך קענען קריגן, אָדער אויב ער זעט ווי עמיצער טוט אַן עוולה און ער איז נישט מוחה קעגן דעם, אָדער אַ מענטש וואָס איז געוואוינט צו עסן סעודות וואָס זענען ווייניק אַפילו פאַר דעם בעל

הבית, אָדער אַ מענטש וואָס נעמט צדקה אפילו אויב ער דאַרף עס נישט האָבן.

**יב. בכלל המסתכל,** אין דעם כלל פון איינעם וואָס קוקט אויף פרעמדע ווייבער איז אויך דער וואָס קוקט אויף די ליצנות וואָס די ליצים פרייען זיך.

**אין** דעם כלל פון איינעם וואָס צעטיילט זיך מיט אַ גנב איז אויך דער מענטש וואָס קויפט די גע׳גנב׳עטע און גע׳גזל׳טע זאַכן.

**אין** דעם כלל פון איינעם וואָס זאָגט, איך וועל זינדיגן און דערנאָך וועל איך תשובה טוהן, איז אויך דער מענטש וואָס זאָגט, איך האָב נאָך צייט צו ווערן ערלעך ווייל איך בין נאָך יונג אין יאָרן.

**און** אין דעם כלל איז אויך דער מענטש וואָס זאָגט אַז די אַלע וואָרענונגען און אָפּשיידונגען זענען נאָר פאַר די גאָר ערלעכע מענטשן, אָבער איך בין פון די מענטשן וואָס שיידן זיך אָפּ מיטן אייגענעם ווילן, במזיד, פון דער אויבערשטער קדושה.

**יג. בכלל,** אין דעם כלל פון איינעם וואָס פאַרשעמט תלמידי חכמים איז אויך דער מענטש וואָס הערט ווי אַן אַנדערער מענטש איז מבזה אַ תלמיד חכם (אפילו אויב דער תלמיד חכם הערט נישט) און ער שווייגט, און וויבאַלד דער דור איז שטאַרק געשטרויכלט מיט פאַרשעמען לומדים און תלמידי חכמים, און זייער שטראָף איז אַ גרויסע, דעריבער וועל איך אין די שפּעטערדיקע פרקים מאריך זיין פון דעם.

**יד. בכלל,** אין דעם כלל פון איינעם וואָס שעלט אַ סאַך מענטשן, איז דער מענטש וואָס רעדט שלעכטס אויף אידן, און ער דרייט איבער אַ מצוה צו אַן עבירה, און אַן עבירה צו אַ מצוה. ער שעלט זיי און דערוועקט אויף זיי דינים ח״ו. דער וואָס טוט אַזוי, איז זיין שטראָף גרויס, און אַ ראיה דערצו איז, ווייל ווער איז ביי אונז

גרעסער פון אליהו הנביא זכור לטוב און ישעיה הנביא, וואָס זיי זענען געשטראָפט געוואָרן ווען זיי האָבן גערעדט נישט גוטע רייד אויף אידן, און אַזוי אויך אַ סאַך אַנדערע נביאים זענען געשטראָפט געוואָרן ווייל זיי האָבן נישט גערעדט גוטס אויף אידן און האָבן נישט מתפלל געווען פאַר זיי.

**טו. בכלל,** און אין דעם כלל זענען אויך די מוכיחים וואָס קומען שטראָפן די אידן. זיי דאַרפן זיך גוט באַוועכענען צו שטראָפן מיט אַ שיין און בכבוד׳יק לשון, כדי נישט צו דערוועקן דינים חס ושלום אויף אידן, ווייל די מדת הדין וועט ח״ו טרעטן אויף דעם רשע און אויף דעם צדיק, און וועט גורם זיין פיל שאָדן ח״ו.

**דעריבער** דאַרף יעדער מענטש, אויך דער מוסר זאָגער, זיין געוואָרענט נישט צו פאַרשעמען די וואָס האָבן געטוהן עבירות, און ער זאָל זיך נישט גרויס האַלטן בשעת ער שטראָפט די מענטשן, ווייל דעמאָלטס ברענגט ער ח״ו אַריין די סטרא אחרא אין זיינע מוסר רייד, און זיינע רייד טוהען שוין נישט קיין פעולה און ווערן נישט צוגעהערט. אדרבה, ער מאַכט נאָך קאַליע דערמיט און איז גורם שלעכטס ח״ו פאַר זיך און פאַר אַנדערע מענטשן.

## דער מענטש וואָס שטאָלצירט מיט אַ מצוה, מישט דערין אַריין די סטרא אחרא רח״ל

**אויך** ביי אַלע דברים שבקדושה, אויב ער האָט געפעדערט דערצו זיין גרויסהאַלטעריי, דאָס מיינט ער שטאָלצירט מיט די מצוות וואָס ער איז מקיים, מישט ער אַריין די סטרא אחרא אין דער קדושה, און עס זענען געווען אַ סאַך מוסר-זאָגער וואָס האָבן מתפלל געווען אַ קורצע תפילה, אַז זיי זאָלן זיך נישט האַלטן גרויס בשעת זיי האַלטן די דרשה.

**טז. והנה,** און די רפואה איז אַז דער מענטש זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין קיין שום גאווה דורך דער תורה וואָס ער איז מחדש ברבים, דורך דעם וואָס ער וועט טראַכטן אין זיין

הארץ אַז אַפילו אויב ער איז דער גרעסטער פון זיין דור אָן אַ שיעור, פונדעסטוועגן איז ער נישט אין פאַרגלייך צו רבי שמעון בן יוחאי, און פונדעסטוועגן האָט רבי שמעון בן יוחאי זיך געהאַלטן גאָר קליין, אַזוי ווי עס שטייט אין זוהר פרשת שמות (חלק ב׳, דף י״ד עמוד א׳) אַז רבי חייא איז געגאַנגען לערנען פון די תנאים, איז ער געגאַנגען ביי רבי שמעון בן יוחאי און ער האָט געזען ווי אַ פאָרהאַנג פון פייער האַקט איבער אין זיין הויז. זעענדיק דאָס, האָט רבי חייא געזאָגט, איך וועל הערן עפּעס תורה פון זיין מויל.

**יז. שמע,** האָט ער געהערט ווי רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט דעם פסוק (שיר השירים ח, יד) ״בְּרַח דוֹדִי וּדְמֵה לְךָ לִצְבִי״ וגו׳. די אידן זאָגן צו דעם אויבערשטן, דו, גוטער פריינט, ביזט אַוועקגעלאָפן פון דעם בית המקדש און דו ביזט גלייך ווי אַ הירש, און אַזוי ווי די חיה וואָס הייסט ״עופר האילים״, ווייל קיין שום חיה טוט נישט אַזוי ווי אַ הירש, וואָס בשעת ער לויפט, גייט ער אַביסל און קערט אום זיין קאָפּ צו קוקן אויף דעם אָרט וואָס ער איז פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען. אַזוי האָבן די אידן געזאָגט, רבונו של עולם, אויב מיר זענען גורם אַז דו זאָלסט ווערן אָפּגעטוהן פון אונז, זאָל זיין דער ווילן פאַר דיר אַז דו זאָלסט אַוועקלויפן ווי אַ הירש און דו זאָלטסט שטענדיק קוקן צו דעם אָרט וואָס דו האָסט אונז דאָרט געלאָזט.

**אַזוי** טוט אויך די חיה וואָס הייסט ״עופר האילים״. און דערויף האָט שלמה המלך עליו השלום געזאָגט (שיר השירים ב, ט) ״דּוֹמֶה דוֹדִי לִצְבִי אוֹ לְעוֹפֶר הָאַיָּלִים״, דער אויבערשטער איז ענליך צו דעם הירש און צו דעם ״עופר האילים״. דאָס איז אויך וואָס דער פסוק זאָגט (ויקרא כו, מד) ״לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלּוֹתָם״ וגו׳, איך האָב זיי נישט פאַרמיאוס׳ט און נישט פאַרעקלט זיי אומצוברענגען.

**ווען** רבי חייא האָט געהערט די ווערטער פון רבי שמעון בן יוחאי האָט ער געזאָגט, וויפיל גרויסע לייט האָבן די זכיה צו זיין אין

הויז ביי רבי שמעון בן יוחאי, און איך זיץ אין דרויסן, און ער האָט געוויינט.

**ווען** רבי שמעון בן יוחאי האָט געהערט די רייד פון רבי חייא, האָט ער געזאָגט, דאַרף דען שטיין אינדרויסן אַזאַ מענטש וואָס די שכינה איז מיט אים, לאָז אים אַריינגיין. האָט זיין זוהן רבי אלעזר געזאָגט, זאָל ער אַריינגיין, וועט די פרייד זיין גאַנץ. האָט רבי אלעזר געהערט אַ בת קול וואָס האָט אויסגערופן, עס איז נאָך נישט די צייט אַז רבי חייא זאָל אַריינגיין, די זיילן זענען נאָך נישט אויפגעוויקלט געוואָרן און די שליסלען זענען נאָך נישט אַריינגעלייגט געוואָרן צו עפענען די זיילן, אַז רבי חייא זאָל אַריינגיין אין זיי און זיך באַקרוינען מיט די געווירצן פון עדן. רבי אלעזר איז נישט אַרויסגעקומען און רבי חייא איז געזעסן און געוויינט און ער האָט געקרעכצט.

**יח. פתח ואמר,** דאַן האָט רבי חייא אָנגעהויבן מיט זאָגן דעם פסוק (שיר השירים ב, יז) ״סֹב דְּמֵה לְךָ דוֹדִי לִצְבִי אוֹ לְעֹפֶר הָאַיָּלִים״, האָט זיך געעפענט די טיר אין דעם פירהאַנג און פונדעסטוועגן איז רבי חייא נאָך אַלץ נישט אַריינגעגאַנגען, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַריינצוגיין אָן דערלויבעניש.

**האָט** רבי שמעון אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט געזאָגט, אפשר האָט מען שוין געגעבן רשות פאַר דעם וואָס שטייט אינדרויסן אַז ער זאָל קענען אַריינקומען. האָט רבי שמעון בן יוחאי זיך אויפגעשטעלט און איז געגאַנגען צו רבי חייא, און עס איז מיטגעגאַנגען אַ פייער פון דעם אָרט וואו רבי שמעון בן יוחאי איז געשטאַנען ביז דעם אָרט פון רבי חייא.

**דערנאָך** האָט רבי שמעון בר יוחאי געזאָגט, דער גרויסער און ליכטיקער פונק פייער (רבי חייא) שטייט אינדרויסן און איך

וועל זיין אינעווייניק? איז רבי חייא שטיל געוואָרן און איז אַריינגעגאַנגען, ער האָט אַראָפּגעהאַלטן זיינע אויגן און האָט נישט אויפגעהויבן זיין קאָפּ.

**יט. אמר,** האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו זיין זוהן רבי אלעזר, שטיי אויף און פיר איבער דיין האַנט אויף זיין מויל וועט ער קענען רעדן, ווייל ער איז נישט געוואוינט געוואָרן מיט דעם. האָט רבי אלעזר אַזוי געטוהן. האָט רבי חייא תיכף אָנגעהויבן צו רעדן און האָט געזאָגט, איך האָב זוכה געווען צו זען אַזעלכעס וואָס איך האָב נישט זוכה געווען ביז אַהער, און זיי זענען אַלע צוזאַמען געזעסן, און אַ פייער פון הימל האָט זיי אַרומגערינגלט און פילע טויזנטער און צענדליקער טויזנטער כיתות פון פייערדיקע מלאכים זענען געשטאַנען אַרום זיי, און צוויי הונדערט און זעכציק וועלטן זענען פאַרציטערט געוואָרן, און די ווערטער זענען אַרויסגעקומען פון דעם מויל פון רבי שמעון בן יוחאי.

**כ. והיו,** און די אויבערשטע מלאכים האָבן זיך פאַרוואונדערט און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן, דאָס איז דער רבי שמעון בן יוחאי וואָס ער מאַכט ציטערן די גאַנצע וועלט, ווער קען דען שטיין פאַר אים. דאָס איז רבי שמעון בן יוחאי וואָס אין דער צייט ווען ער עפנט זיין מויל צו לערנען תורה פאַרנעמען זיין קול אַלע שטולן און אַלע הימלען און אַלע חיילות פון דעם הימל וואָס זאָגן שירות ותשבחות צו דעם אויבערשטן ברוך הוא, מוזן אַלע שווייגן און עס ווערט נישט געהערט קיין שום קול און קיין שום מלאך און שרף און אופן און כרוב אין די אויבערשטע וועלט עפנט נישט דעמאָלטס זיין מויל, כדי צו הערן דאָס קול פון רבי שמעון בן יוחאי, און ווען ער ענדיגט די רייד פון תורה פאַנגען אָן די מלאכים מיט אַלע אויבערשטע חיילות צו זאָגן שירות ותשבחות און פריילעכע רייד פאַר דעם אויבערשטן ברוך הוא, פאַר דעם וואָס ער האָט באַשאַפן אַזאַ הייליקע און ריינע נשמה ווי עס איז די נשמה פון רבי שמעון בן יוחאי, און די

טויערן ווערן געעפנט מיט אַלע פענסטער פון די צימערן פון גן עדן, און עס גייען אַרויף פון דאָרט גוטע ריחות און בשמים.

**דאָס** אַלעס איז וועגן דעם כבוד פון רבי שמעון בן יוחאי, און פונדעסטוועגן איז רבי שמעון בן יוחאי פאָרט געגאַנגען צו רבי חייא און ער האָט זיך נישט גרויס געהאַלטן, איז ווי אַזוי קען זיך גרויסהאַלטן אַ מענטש אין די איצטיקע דורות, און עס איז שוין ערקלערט געוואָרן אויבן אַז דער מענטש דאַרף יעדן טאָג מתפלל זיין ער זאָל זוכה זיין צו די מדה פון ענוה, און אַוודאי וועט ביי אים מקויים ווערן דער פסוק (תהלים נא, יט) ״לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה״.

**כא. המונע,** דער וואָס פאַרמיידט אַ סאַך מענטשן פון צו טוהן תשובה אָדער פון צו טוהן אַ מצוה, צום ביישפיל אַ חבורה פון מענטשן וואָס האָבן מנדב געווען צו מאַכן עפּעס אַ דבר שבקדושה אָדער צו געבן צדקה, און צווישן זיי איז פאַראַן אַ מענטש וואָס זיין האַרץ קערט זיך מער נישט נאָר שטענדיק צו טוהן שלעכטס, און ער איז נישט חס אויף דעם כבוד פון זיין באַשעפער צוליב זיין גרויסהאַלטעריי, און ער האַלט צוריק זיינע חברים אַז זיי זאָלן נישט טוהן דעם דבר שבקדושה אָדער די מצוה, איז ווי צו אים און צו זיין נשמה.

**כב. ועל,** און אויף אַזאַ מענטש האָבן די חכמי המוסר געזאָגט אַז ער איז גלייך צו די גזלנים און רויבערס וואָס זיי ווייסן דעם וועג פון די מענטשן וואָס קומען צו דעם האַר און טראָגן אים מתנות, גייען די גזלנים און שטייען דאָרט און באַגזל'ענען די מתנות פון די מענטשן און דעם האַר פאַרפעלט אַ לאַנגע צייט צו באַקומען די מתנות פון די מענטשן. האָט דער האַר נאָכגעפאָרשט די זאַך ביז ער האָט אויסגעפונען וועגן די גזלנים, האָט ער באַפוילן צו שטראָפן די גזלנים מיט שווערע און ביטערע שטראָפן פאַר דעם וואָס זיי האָבן פון אים פאַרמיטן כבוד צוליב זייער רשעות.

## די גרויסע שטראָף פון אַ מענטש וואָס שטערט אַנדערע צו טוהן אַ מצוה

**דאָס** זעלבע איז מיט דעם מענטש וואָס פאַרמיידט אַנדערע מענטשן פון צו טוהן אַ מצוה און אַ דבר שבקדושה, ווער קען שילדערן די גרויסע שטראָף וואָס ער וועט באַקומען, און אין דעם כלל איז אויך דער מענטש וואָס זאָגט, איך וועל נישט געבן קיין צדקה און איך וועל אויך נישט לאָזן אַנדערע מענטשן געבן, ער איז אַ רשע.

**כג. על כן,** דעריבער דאַרפן די מנהיגים זיין געוואָרנט נישט צו פאַרמיידן יחידים פון טוען אַ דבר מצוה. אין כלל פון דעם איז אויב איינער באַוועגט זיין חבר צו אַן עבירה, און מערסטנס זענען דאָס די מענטשן וואָס זענען להוט נאָך זייער האַלדז, און צוליב דעם וואָס זיי עסן און טרינקען ביי דעם אכזר געבן זיי אַן אָרט פאַר זיינע רייד אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן, און אויף זיי זאָגט דער נביא (ישעיה ה, כ) "הוֹי הָאוֹמְרִים לָרַע טוֹב" וגו', ווי איז צו די מענטשן וואָס זאָגן אויף שלעכט אַז עס איז גוט, אָבער אין זייער האַרץ ווייסן זיי דעם אמת אַז אַלעס וואָס ער טוט איז פון די קליפות און אַלע זיינע רייד זענען שלעכטע רייד, און אַלע זיינע מעשים זענען נקמות און נטירות און גזילות און עוולות, פאַלש און ליגן, עקלהאַפט און אומווירדיק, און זיי ווייסן נישט אַז אויף די אַלע זאַכן וועט דער אויבערשטער זיי ברענגען צום משפט.

**כד. והשוטים,** און די דאָזיקע שוטים געבן צו אַן אכזריות'דיקן מענטש רום און לויב און זיי זאָגן זייער לויב פאַר אים אַז ער איז אַ גרויסער חכם, און זיי טיילן אים צו אַנדערע גוטע מעלות, און דאָס אַלעס איז צוליב די חניפה וואָס זיי זענען להוט נאָכצוגיין נאָך זייער האַלדז, וואָס זיי עסן אַמאָל ביי אַן אכזריות'דיקן מענטש אָבער זיי ווייסן נישט דעם סוף פון די דאָזיקע מענטשן, אַז דאָס שפייז וואָס זיי עסן ביי דעם אכזריות'דיקן מענטש איז פול מיט שווערדן און שפיזן, נגעים און וואונדן און אַ פרישע מכה און פול מיט

צער וואָס זיי דאַרפן ליידן צוליב דעם וואָס זיי עסן דאָס ברויט פון דעם מענטש וואָס האָט אַ שלעכט אויג, ווי עס איז ערקלערט געוואָרן אין די אויבערשטע פרקים, און עס וועט קומען אויף אים אַ מכה נאָך אַ מכה און אַ צרה נאָך אַ צרה און ער וועט האָבן אַ שטרויכלונג און אַ מפלה.

**כה. על כן,** צוליב דעם זאָל דער מענטש זען צו קומען צו הילף פאַר די שטאַרקע וואָס געבן צדקה און טוען גמילות חסדים, און צו שטאַרקן דאָס האַרץ פון די מענטשן וואָס טוען מצוות און באַזונדערס פאַר די בעלי צדקה, און דער וואָס מאַכט זיין חבר זאָל געבן צדקה און זאָל טוהן אַנדערע מצוות, האָט ער אַ גרעסערן שכר פון דעם וואָס גיט די צדקה (בבא בתרא דף ט' עמוד א'), און דאַן וועט אים שטענדיג גוט זיין.

❖ ❖ ❖

## הוספה לפרק מג

בס׳ ״ויוסף אברהם״ אות י״ט כתב וז״ל: ואפי׳ כששומע מאדם אחר שמבזה ת״ח וכש״כ דיין העיר ואפי׳ שלא בפניו יש חיוב גדול עליו לתבוע עלבונו ולנקום בעדו, וכמש״כ כאן שב״ד מנדין ע״ז.

ומצינו בגמרא (ב״מ דף פ״ד, וסנהדרין דף מ״ד ברש״י ד״ה דבעיא) שגדולי ישראל נענשו ע״ז דשמעו פ״א זילותא דת״ח ושתקו, וכש״כ אם בייש א׳ לת״ח בפניו שיש חיוב עצום מאד מאד על כל השומעים לתבוע קלונו תיכף, ואם לאו ענוש יענשו מאד ע״ז, ואף אם יהי׳ זה שמבזהו מי שיהי׳.

ונמצא בס׳ קורא הדורות מהרב ר׳ דוד איש ירושלים ז״ל מעשה נורא מענין זה, וז״ל כתוב בסוף מחזור האשכנזים שישראל א׳ איש בליעל נתקוטט עם הרב ר׳ יוסף בן לב ז״ל (הוא המחבר שו״ת מהר״י בן לב) בשאלונקי על ענין פסק דין שכתב נגדו, והכהו על הלחי בשוק בפני כל העם, ולא הי׳ מי שימחה בידו, ואין דובר אליו דבר על ענין זה, מפני היות האיש הבליעל ההוא עשיר גדול, ותקיף ואלם מאד, והרב הי׳ שם בעת הזאת לפני חנות של בשם א׳ ושמו אברהם קטלאנו, קרע הרב את בגדיו ואמר בקול גדול שומו שמים על זאת, ובלילה ההוא (שנת ה׳ אלפים ש״ה ד׳ לחודש אב) נכנס הבושם בחנות כו׳ והאור נאחז ונתרבה הלהב, וקם שריפה גדולה ונשרפו כמו חמשת אלפים בתים מבני ישראל במשך ו׳ שעות, כי מן השמים נלחמו הרוחות הנושבות, ונשרפו כמו מאתיים נפשות ובתי כנסיות ובתי מדרשות הרבה וספרים אין קץ, לא נראה צרה גדולה כזאת, ואנשים היו מבריחים רכושם מהאש רחוק כמטחוי קשת בשדות, ועכ״ז הלך האש עליהם ושרפם, ואח״כ עלה הנגף בעם והיו מתים בכל יום הרבה נפשות מישראל עד שהגיעו ביום אחד שנקברו ביום ההוא שי״ד מתים

כמנין השם שד״י, ומהיום ההוא והלאה הי׳ הנגף הולך ונתמעט עד שנעצרה המגפה עכ״ל עם הוספות מסדר הדורות מהגאון ר׳ יחיאל ממינסק ז״ל.

והנה ממעשה זו התעוררות גדול יוצא לנו לזהר מאד מלשמוע עלבון ת״ח ולשתוק, אבל מ״מ ודאי שצריך לזהר בזה משום כעס בלב ולא יהי׳ רק נראה ככועס. עכ״ל, שם.

❖ ❖ ❖

# פרק מ״ד

**אין דעם פרק ווערט דערקלערט: מען טאָר זיך נישט באַנוצן מיט אַן אָרעמאַנ׳ס משכון. - דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן. - דער איסור פון נעמען שוחד. - די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר׳ס געלט. - נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהל׳שע געלט.**

**א. המשתמש בעבוטו,** דער וואָס באַנוצט זיך מיט זיין חבר׳ס משכון אָדער מיט דעם משכון פון דעם אָרימאַן איז זיין עונש זייער גרויס, ווייל ווען דער עושר זעהט ווי יענער נוצט זיין משכון קען ער זיך מיט אים קריגן דערפאַר, און אים נישט לאָזן נוצן דעם משכון, אָבער דער אָרעמאַן זעהט על פי רוב ווי יענער נוצט זיין משכון און הערט אויך זיין שאַנדע, און ער מוז נעבעך שווייגן, און דער מלוה אַליין איז זיכער אַז דער אָרעמאַן האָט נישט די מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן קעגן אים, דעריבער נוצט ער בפרהסיא זיין משכון, און דאָס איז אַ גרויסע זינד.

**דער עושר זאָל זיך נישט האַלטן גרויס קעגן דעם אָרימאַן**

**ב. ובכלל,** און אין דעם כלל איז אויך דער וואָס האַלט זיך גרויס קעגן דעם אָרעמאַן, און רעדט מיט אים האַרטע רייד, ווייל ער האָט מורא צו רעדן קעגן דעם עושר און צוליב זיין אָרעמקייט רעדט דער עושר קעגן דעם אָרעמאַן מיט שטרענגע רייד, מיט גרויסהאַלטעריי, ווייל ער ווייסט אַז דער אָרעמאַן וועט אים נישט צוריקענטפערן, אָבער דער אויבערשטער, וואָס ער הערט אַלץ און זעהט אַלץ, וועט זיך קריגן פאַר זיין קריג און וועט משפט׳ן דעם רשע אַז דאָס גערעכטיקייט זאָל אַרויסקומען.

## דער איסור פון נעמען שוחד

**ג. ובכלל,** און אין דעם כלל פון אַ מענטש וואָס נעמט שוחט פון געלט אָדער שוחד פון רייד, און פונקט אַזוי ווי עס איז אַ מצוה אַז דער בורר זאָל נישט זיצן ביי דעם משפט פון אַ מענטש וואָס ער האָט באַקומען אַ הנאה פון זיין געלט, אַזוי אויך זאָל ער זיך פאַרמיידן פון צו זיצן אויף דעם משפט פון דעם מענטש וואָס ער האָט עפעס אַ הנאה געהאַט פון אים, דהיינו ער האָט אים אפגעטוהן כבוד אָדער ער האָט אים געפאָלגט אין אַ שליחות, און נאָך ענלעכע הנאות.

## די וויכטיגקייט פון ראַטעווען דעם חבר׳ס געלט

**ד. בכלל,** אין דעם כלל פון איינעם וואָס געפינט אַן אבידה און רופט עס נישט אויס, כדי עמיצער זאָל קומען זאָגן אַ סימן און זאָל זי אָפּנעמען, איז אין דעם כלל אויך פאַראַן דער וואָס ווייסט ווי אַזוי מציל צו זיין דאָס געלט פון זיין חבר און ער איז עס נישט מציל. דער וואָס זעהט זיין זוהן גייט אַרויס לתרבות רעה ח״ו און ער שטערט אים נישט, דאָס איז אויך מעכב די תשובה.

## די וויכטיגקייט פון חינוך הבנים

**אין דעם כלל,** איז וואס פאַראַ שלעכטס ער זעהט ביי אים, אַז ער זעהט ווי זיין זוהן איז אַ פרעסער און אַ זויפער, אָדער אַ קריגער אָדער ער גלוסט פרעמדע געלט, און נאָך אַזעלכעס זענען פאַראַן פילע זאַכן, איז דער פאָטער אַלץ חייב אויף זיין זוהן אַכטונג צו געבן אַז ער זאָל דאָס אַלץ נישט טוהן.

## נישט צו רויבן פון אָרעמעלייט אָדער פון יתומים און אלמנות, און דער איסור פון באַנוצן זיך מיט קהל׳שע געלט

**ה. מי,** דער וואָס עסט דאָס גוטס וואָס ער באַרויבט ביי אָרעמעלייט און יתומים און אלמנות, איז דאָס אים אויך מעכב פון תשובה טוהן. אין דעם כלל איז אויך דער וואָס גזל׳ט קהלש׳ע געלט, וואָס

דאָס געלט ווערט גניבה פון אָרעמעלייט עניים ועביונים, וואָס זיי האָבן נישט די מעגלעכקייט אָנצוקליידן זיך און זייערע ווייבער, און דער וואָס גנב׳עט פון דעם געלט און עסט, איז גלייך ווי ער עסט זייער פלייש און זייער בלוט, און אין דעם געלט איז אויך פאַראַן דאָס געלט פון יתומים און אלמנות און ער געדענקט נישט אַז דער אויבערשטער איז דער פאָטער פון די יתומים און דער דיין פון די אלמנות, איז די מדת הדין אַוודאי קעגן דעם מענטשן און עס וועט אַוודאי קומען אַ גרויסע שטראָף אויף אים, אַזוי ווי די ספרי מוסר האָבן פיל געשריבן דערפון.

## אַ מעשה מיט די אלמנה פון רבינו יחיאל

**ו. וכדמצינו**, און אַזוי ווי מיר געפינען ביי די אלמנה פון רבינו יחיאל, דער פאָטער פון הרב ר׳ אשר זכרונו לברכה, אַז זיין ווייב איז איבערגעבליבן אַן אַלמנה מיט דריי קליינע קינדער. איינמאָל אין אַ פרייטאָג צו נאַכט איז איר מאַן געקומען צו איר אין חלום, און האָט איר געהייסן אַז זי זאָל תיכף אַנטלויפן פון דער שטאָט, ווייל דער אויבערשטער ברוך הוא וועט שיקן אַ גרויסע און בייזע צרה אויף דער שטאָט, האָט זי זיך תיכף אויפגעכאַפּט פון איר שלאָף מיט ציטערניש און איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן, איז ער געקומען צו איר אַ צווייטן מאָל מיט יענעם באַפעל און דאַן, באַלד ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף, איז די פרוי געגאַנגען מיט אירע קינדער אינדרויסן פון דעם טויער פון דער שטאָט, און זיי האָבן אויסגע׳הרג׳עט די גאַנצע שטאָט און זיי זענען זיך אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט זיך דערנאָך צוריקגעקערט צו איר הויז מיט פרידן.

**ז. ואחר כך**, און דערנאָך איז רבינו יחיאל געקומען אין חלום צו זיין ווייב און איר געזאָגט, אַז צוליב דער עבירה וואָס

די הערשאַפט פון דער שטאָט האטן באַ׳גזל׳ט די אָרעמעלייט מיט שטייערן און צינזן, און די רייכע מענטשן האָבן גאָרנישט געגעבן, דעריבער איז די דאָזיקע גזירה נגזר געוואָרן אויף זיי.

און אין דעם כלל פון איינעם וואָס טיילט זיך אָפּ פון דעם ציבור איז איינער וואָס איז נישט מדקדק צו דאַווענען צוזאַמען מיט׳ן ציבור, און אין כלל פון דעם איז דער מענטש וואָס האָט די מעגלעכקייט צו געבן שטייערן כדי צו העלפן דעם ציבור און ער העלפּט זיי נישט.

## מען זאָל נישט האַלטן גרינג די תקנות פון די חז״ל

**ח. העובר,** דער מענטש וואָס איז עובר אויף די רייד פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה, דאָס מיינט מען, ער זאָגט אַז די זאַך וואָס איז מדרבנן איז גאָר גרינג, וועגן דעם איז ער עובר אויף די גזירות און תקנות פון די חכמים.

**אפילו** וואו עס איז פאַראַן אַ מצוה טאָר מען אויך נישט עובר זיין אויף די רייד פון די חכמים, צום ביישפּיל צו לערנען אָדער צו דאַווענען ביי אַ לעכט אין שבת וואו די חכמים האָבן געזאָגט (שבת י״ב) אַז מען טאָר עס נישט טוהן ווייל מען האָט מורא אַז ער וועט אַריבערבייגן דאָס לעכט, און ענלעכעס צו דעם, חלילה וחלילה עובר צו זיין אויף די גזירה פון אונזערע חכמים זכרונם לברכה, און אַוודאי געוויס אַז עס איז גרויס די שטראָף פון דעם מענטש וואָס לאַכט ממש אָפּ פון די רייד פון די חכמים, און ער איז אין כלל פון די מענטשן וואָס האָבן נישט קיין חלק אין עולם הבא.

## נישט צו פאַרשעמען דעם חבר כדי זיך אַליין מכבד צו זיין

**ט. המתכבד,** דער וואָס איז זיך מכבד דורך דעם וואָס ער פאַרשעמט זיין חבר איז אַ האַרבער איסור, וואָס ער

האַלט צוריק די תשובה, ווי עס איז געשטאַנען פריער. און עס איז אויך דאָ אַן איסור פאַר דעם מענטש וואָס ער ווייסט אַז זיין חבר האָט אַ טעות אין אַ זאַך און ער קערט אים נישט צוריק צו דעם גוטן וועג.

**ודע,** און דו זאָלסט וויסן אַז עס שטייט אין זוהר פרשת שלח לך, אַז מען האָט געוויזן פאַר רבי שמעון בן יוחאי אַז דאָס בית דין של מעלה האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין איין היכל און זיי האָבן מעיין געווען אין דעם דין פון אַ מענטש וואָס איז געשטאַנען ביי דער טיר פון גן עדן, און די מלאכי חבלה וואָס ווערן אָנגערופן ״כרובים״ האָבן אים אָנגעהאַלטן און אים נישט געלאָזט אַריינגיין דאָרט, און ער איז געווען אין גרויס צער און האָט געשריגן ביי דער טיר פון גן עדן.

**דערנאָך** איז אַרויס אַ קול אַז די צדיקים פון מתיבתא דרקיע זאָלן זיך איצט איינזאַמלען מעיין צו זיין אין דעם דין פון דעם מענטש, און זיי האָבן געזאָגט צו רבי שמעון בן יוחאי אַז ער האָט נישט קיין רשות צו דערציילן ווער יענער מענטש איז געווען, ווייל מען האָט זיכער נישט גוזר געווען אומזיסט אויף דעם מענטש אַזאַ שטראָף.

**י. ויצא,** איז אַרויסגעקומען דער פסק דין אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל שטיין מיטן דאָזיקן צער פערציק טעג, און ביים סוף פון די פערציק טעג זאָל מען אים מצער זיין אין גיהנום אנדערהאלבן שעה, און דאָס אַלעס איז אים געקומען ווייל עס איז איין טאָג געווען ווען איינער פון די חבריא האָט גערעדט דברי תורה, און ווען ער איז אָנגעקומען צו איין וואָרט האָט יענער מענטש געוואוסט אַז ער וועט געשטרויכלט ווערן אין דעם, אבער ער האָט געזאָגט צו די חבריא זיי זאָלן שווייגן און אים גאָרנישט זאָגן. וויבאַלד די חברים האָבן געשוויגן איז יענער געשטרויכלט געוואָרן אין זיינע דברי תורה און ער איז פאַרשעמט געוואָרן, און צוליב דער דאָזיקער פאַרשעמונג וואָס דער דאָזיקער מענטש האָט גורם געווען פאַר יענעם, וועגן דעם איז מען אים איצט דן מיט אַזאַ שווערן דין כדי ער זאָל גאָרנישט שולדיק

בלייבן פאַר דעם אויבערשטן אַפילו אַ פאָדעם. וועגן דעם איז די תורה אַ סם פון לעבן פאַר דעם וואָס לערנט לשמה און מאַכט זיך נישט שענער און מער בכבודיק דורך די פאַרשעמונג פון זיין חבר.

## די חשיבות פון דעם וואָס לערנט תורה לשמה

**יא. והעוסק,** און דער וואָס לערנט תורה לשמה, ראַטעוועט אים די תורה פון אַלע שלעכטע טראַכטונגען און זי שטייט אים ביי צו ראַטעווען אים ביים דין, ווי עס שטייט אין זוהר פרשת ויקהל, אַז יעדער איינער וואָס לערנט תורה איז גלייך ווי ער וואָלט זיך משתדל געווען אין דעם היכל פון דעם אויבערשטן ברוך הוא, ווייל ווען אַ מענטש לערנט תורה געפינט זיך דער אויבערשטער נעבן אים און ער הערט צו זיין קול, און דער מענטש ווערט אַזוי געראַטעוועט פון דריי דינים, פון דעם דין פון דער דאָזיקער וועלט, און פון דעם דין פון דעם מלאך המות (ער וועט שטאַרבן מיט אַ מיתת נשיקה דורך דעם אויבערשטן אַליין), און ער ווערט געראַטעוועט פון דעם דין פון גיהנום, אָבער נאָר אויב ער לערנט תורה לשמה און מיט ליבשאַפט, און דאַן באַרימט זיך דער אויבערשטער מיט אים און ער זאָגט, דאָס דאָזיקע פאָלק האָב איך פאַר מיר באַשאַפן, די אידן וואָס איך באַרים זיך מיט זיי.

❖ ❖ ❖